בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

**שיחות התחזקות בעבודת השם**

**ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע**

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**

**מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים**

**~ אידיש ~**

קונטרס מ"ג, מסעי (מטו"מ בחו"ל), תשע"ט

# תוכן השיעור

**'כולל תפלתו עם האחרים'**

**'א-ל נא רפא נא לה'**

**'בכיה מתוך שמחה'**

**'חירות המוחין'**

**'שמרה נפשי כי חסיד אני'**

**'אוירא דארץ ישראל מחכים'**

**'ה' לא יעזבנו בידו'**

**'ארץ שממה'**

**'כי עוד חזון למועד ויפח לקץ'**

**'עניתי בצום נפשי'**

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 43**

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $10 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

בס"ד

# ~ פרשת במדבר - בהעלותך, תשל"ד ~

### ובו שיעור בליקוטי מוהר"ן תו' קע"ד - קע"ה

(טייפ מס' 35# - 36# - 40#)

## 'כולל תפלתו עם האחרים'

(לומד בליקוטי מוהר"ן תו' קע"ד)

"כְּשֶׁהַדִּינִין ח"ו גּוֹבְרִים עַל הָאָדָם אֵין לְהַמִּתְפַּלֵּל עֲבוּרוֹ לְהַזְכִּיר שְׁמוֹ שֶׁלֹּא יִתְגַּבְּרוּ הַדִּינִין ח"ו", אז מען בעהט פאר איהם זאל מען נישט דערמאנען זיין נאמען, "וּכְמוֹ דְּאִיתָא שֶׁנֹּחַ לֹא קָרָא לוֹ אָבִיו שֵׁם בְּעֵת לֵדָתוֹ מִשּׁוּם שֶׁהָיָה אָז הָעוֹלָם בְּדִינִין, וְעַל־כֵּן לֹא רָצָה אָבִיו לִתֵּן לוֹ שֵׁם כִּי עַל־יְדֵי הַשֵּׁם יִהְיֶה נִכָּר וּמְסֻיָּם בֵּין הַמְקַטְרְגִים וְיוּכְלוּ הַדִּינִים לְהִתְגַּבֵּר עָלָיו, וְזֶהוּ כְּשֶׁהִתְפַּלֵּל מֹשֶׁה רַבֵּנוּ ע"ה עַל מִרְיָם לֹא הִזְכִּיר שְׁמָהּ, רַק אָמַר סְתָם "אֵל נָא רְפָא נָא לָהּ", כִּי מֵחֲמַת שֶׁהָיוּ הַדִּינִין גּוֹבְרִים עָלֶיהָ, לֹא רָצָה לְהַזְכִּיר שְׁמָהּ בְּפֵרוּשׁ כַּנַּ"ל, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן הֶעֱלִים שְׁמָהּ בְּרֶמֶז נִפְלָא בְּתוֹךְ תְּפִלָּתוֹ, כִּי נָא רְפָא בְּגִימַטְרִיָּא מִרְיָם יוֹכֶבֶד מְכֻוָּן מַמָּשׁ, הַיְנוּ שֵׁם הַחוֹלָה וְשֵׁם אִמָּהּ שֶׁצָּרִיךְ לְהַזְכִּיר עַל הַחוֹלֶה כְּשֶׁמִּתְפַּלְלִין עָלָיו, אַךְ לֹא רָצָה לְהַזְכִּיר בְּפֵרוּשׁ כַּנַּ"ל".

עס ווערט געבראכט, אז דערמאנען אסאך מאל - א חולה דארף מען נישט דערמאנען אסאך מאל, אפילו מיר דערמאנען יא!

עס איז טאקע דא אזעלכע וואס דערמאנען בכלל נישט קיין נאמען! (השואל: ביי 'מי שברך לחולה'?) זאגט מען דעמאלטס: "בתוך שאר חולי ישראל", מאכט שוין נישט אזוי אוים, ס'איז שוין נאך חולים, איז נישט אזוי "ניכר ומסוים", דער רבי זאגט (בתורה הנ"ל) דער שם איז "ניכר ומסוים", (אבער) אז מען זאגט "בתוך שאר חולי ישראל" איז

שוין גרינגער, אבער נישט דערמאנען איהם אליין; "בתוך שאר חולי ישראל" איז ער שוין אין כלל פון אלע אידן![א]

*

רבי נתן רעדט אין א הלכה,[ב] פארוואס מען דערמאנט דעם נאמען פון די מאמע'ן ביי א חולה, און נישט דעם טאטן, ער זאגט - דאכט זיך - אז ער (- שם האב) איז די זאך פון "עלמא דאתי", און זי איז די זאך פון "דער וועלט", זי איז א קלענערע מדריגה! ער איז פון "עלמא דאתי", און ווייל דער מענטש דארף נאך דא לעבן, זאל מען נישט דערמאנען זיין נאמען, דערמאנט מען נישט דעם טאטנ'ס נאמען, נאר די מאמע'ס נאמען!

דער רבי זאגט דאך דא אזוי: "**היינו שם החולה ושם אמה שצריך להזכיר על החולה כשמתפללין עליו**"! אבער קיין טאטן אינגאנצן נישט, דעם טאטנ'ס נאמען איז נאר לאחר מאה ועשרים!

פארוואס דערמאנט מען ביי די תורה יא? (- בקריאתו לעליה לתורה), ווייל די תורה איז א זאך פון עלמא דאתי! די מאמע'ס נאמען איז א ענין פון עולם הזה, א קלענערע מדריגה, אז דער חולה וויל מען ער זאל בלייבן אויף דער וועלט דערמאנט מען די מאמע'ס נאמען! (השואל: און "מי שברך ליולדות"?) דערמאנט מען אויך נאר איר נאמען - די מאמע'ס נאמען!

*

# 'א-ל נא רפא נא לה'

(שואלים איך לנהוג למעשה בענין להזכיר השם בהעלם, אחד מהנוכחים שואל: דארף מען דאך זיין משה רבינו מען זאל קענען אזא נוסח אז מען זאל זאגן: אי דעם 'נאמען', און אי 'נישט דערמאנען דעם נאמען', און ווי אזוי ווייסט מען אז די דינים זענען גוברים ח"ו?) אין די תפילות פון פדיון - קכ"ג, דערמאנט דאך רבי נתן יא: "פלוני בן פלונית", ממילא אז ער דארף האבן א פדיון, איז דאך (א צייט פון) המתקת דינים!

---

[א] מס' שבת דף י"ב ע"ב, וברש"י שם: בתוך חולי ישראל - שמתוך שכוללן עם האחרים תפלתו נשמעת בזכותן של רבים. ועי' שו"ע יורה דעה סי' של"ה ס"ו.

[ב] ליקוטי הלכות הל' ברכות השחר ג' אות כ"א והלאה.

(אחד הנוכחים שואל, שרבינו אומר פה, "שצריך להזכיר על החולה כשמתפללין עליו", מזה נראה שבסתמא אכן צריך להזכיר שם החולה?) ס'קען זיין אזוי אפשר, דארט איז געווען אן אויסנאם, דארטן ביי מרים הנביאה, זי איז געווארן א מצורעת, זי איז געווען - שטייט אין זוהר הקדוש[ג] - "סגירו דנהורא עלאה", א געוואלדיגע התגברות הדינים געווען, דער רבי זאגט דאך נישט סתם א חולה, נאר "כשהדינין ח"ו גוברים על האדם", נישט נאר ס'איז געווען דא א חולה, נאר אז זי איז געווארן מצורעת איז געווארן א "סגירו דנהורא עלאה", אזוי אויך בשעת נח איז געבוירן געווארן איז געווען א התגברות הדינים אויף די גאנצע וועלט, א מין התגברות הדינים - מער ווי סתם א מין חולה!

דער רבי ברענגט דאך א ראיה - מרים'ען, און א ראיה פון נח'ן, דעמאלטס איז געווען א געוואלדיגע התגברות הדינים אויף דער וועלט, האט ער נישט דערמאנט זיין נאמען, אבער א חולה איז נישט קיין ראיה, סתם א חולה הייסט נישט "גוברים הדינים".

אה, דא זאגט דער רבי בפירוש, דא צום סוף, "שם החולה ושם אמה שצריך להזכיר על החולה כשמתפללין עליו", קומט יא אויס אז אויף א חולה זאל מען דערמאנען, זעהען מיר דאך אז דעמאלטס איז געווען אן אויסנאם, ס'איז נישט נאר געווען מחמת זי איז געווען שלאַף, אז מרים איז געווארן מצורעת - א קלייניקייט? מרים הנביאה! אז זי איז געווארן מצורעת שטייט "סגירו דנהורא עלאה", א געוואלד איז געווען דעמאלטס, איז א געוואלדיגע התגברות הדינים געווען דעמאלטס, אבער סתם א חולה איז נישט קיין ראיה.

דער רבי אליין פירט דאך אויס, "שצריך להזכיר", דער רבי ברענגט א ראיה פון נח'ן, "היה אז העולם בדינים", די 'וועלט', נישט נאר אויף 'נח'ן אליין', דעמאלטס איז די 'וועלט' געווען בדינים, אז די וועלט איז בדינים דערמאנט מען נישט דעם נאמען, איז דאך א ראיה דערפון אז ביי א חולה יא!

ביי מרים'ען איז א געוואלדיגע התגברות הדינים געווען, געוואלדיג! מען האט גערעדט אויף משה'ן! "ותדבר מרים ואהרן במשה - מדוע לא יראתם לדבר

---

[ג] פרשת תזריע דף מ"ט ע"ב.

**בעבדי במשה? פה אל פה אדבר בו"! א געוואלד, א געוואלד, דער מדרש** ברענגט,[ד] "אוכל לחמי הגדיל עלי עקב" - האט משה געזאגט אויף אהרן'ען: "גם איש שלומי אשר בטחתי בו"?!

אז מרים איז געווען פארשלאסן אויף זיבן טעג, און "העם לא נסע עד האסף מרים", און אהרן האט זיך געבעטן ביי משה'ן: "אל נא תהי כמת" - "אשר נואלנו ואשר חטאנו", דאס איז נישט קיין סתם חולה, דער פגם איז געווען געוואלדיג גרוים! אז זיי האבן גערעדט אויף משה רבינו איז געווען א געוואלדיגער פגם, ס'איז געווען א התגברות הדינים אויף אלע אידן! "ויפן אהרן אל מרים והנה מצרעת", געוואלדיג, מרים איז "מצורעת כשלג", דאס איז געווען די שלושת הרועים, וואס אין זייער זכות איז געווען - די "בארה של מרים" בזכות מרים, און דער "ענן" בזכות אהרן, "מן" דאס איז משה,[ה] די דריי עמודי עולם! און מרים איז געווארן מצורעת, נישט נאר ווייל זי איז געווארן שלאף! (על כן לא היה אפשר להזכירה בשמה, משא"כ בשאר חולה).

* * *

# 'בכיה מתוך שמחה'

(ליקוטי מוהר"ן תו' קע"ה) **"עִקַּר מַעֲלַת הַבְּכִיָּה הוּא כְּשֶׁהִיא מֵחֲמַת שִׂמְחָה וְחֶדְוָה"** - אז די שמחה רופט ארויס טרערן, **"וַאֲפִלּוּ הַחֲרָטָה טוֹב מְאֹד שֶׁתִּהְיֶה מֵחֲמַת שִׂמְחָה, שֶׁמֵּרֹב שִׂמְחָתוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא מִתְחָרֵט וּמִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד עַל שֶׁמָּרַד נֶגְדּוֹ בַּיָּמִים הָרִאשׁוֹנִים"!**

אה, דאס איז דער עיקר תשובה, א מענטש אז ער פריידט זיך אזוי מיט'ן אויבערשטן - געוואלד! פארוואס האב איך דעם אויבערשטן דערצערענט פריער?! איז מרוב שמחה וואס ער האט, רופט ארויס א בכיה, **"וּמִתְעוֹרֵר לוֹ בְּכִיָּה מֵחֲמַת רֹב הַשִּׂמְחָה, וְזֶה עִקַּר מַעֲלַת הַבְּכִיָּה, שֶׁתִּהְיֶה מֵחֲמַת שִׂמְחָה, וְזֶה בְּכִיָּה הוּא רָאשֵׁי־תֵּבוֹת בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל הַיּוֹם, שֶׁעִקַּר הַבְּכִיָּה שֶׁתִּהְיֶה מֵחֲמַת שִׂמְחָה בִּשְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ".**

---

[ד] מדרש רבה דברים ו' י"א.

[ה] מס' תענית דף ט' ע"א, ועי' ליקוטי מוהר"ן תו' נ"ח.

*

"כִּי בְּכִיָּה הוּא מִתְעוֹרֵר מִשֵּׁם ס"ג, שֶׁהוּא בְּבִינָה", 'בכיה' באטרעפט זיבן און דרייסיג, דער שם הוי' אליין באטרעפט זעקס און צוואנציג, דער מילוי איז זיבן און דרייסיג, צוזאמען איז עס ס"ג, בכיה (37) דאס איז דער מילוי פון שם הוי', "וְעַל־כֵּן בְּכִיָּה בְּגִימַטְרִיָּא הַמִּלּוּי שֶׁל ס"ג כַּמּוּבָא בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י, הַיְנוּ שֶׁהִתְעוֹרְרוּת הַבְּכִיָּה תִּהְיֶה מִשִּׂמְחָה כִּי בִּינָה לְבָא כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "הַלֵּב מֵבִין", וְעִקַּר הַשִּׂמְחָה הִיא בַּלֵּב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "נָתַתָּ שִׂמְחָה בְלִבִּי", וּמִשָּׁם צָרִיךְ שֶׁתִּהְיֶה הִתְעוֹרְרוּת הַבְּכִיָּה כַּנַּ"ל, וְעַל יְדֵי זֶה נִמְתָּק הַבְּכִיָּה וְהָבֵן".

בינה איז 'שמחה', און בינה איז 'גבורה', "אני בינה לי גבורה",[1] ווייל דארטן איז די המתקה, די 'בינה' איז דער שורש הגבורה - און דארטן איז די המתקה! דארף זיין אז פון דארטן זאל ארויסגיין די המתקה!

דער שם ס"ג איז דאך פון בינה, איז עס דאך גבורה, און בכיה איז דער מילוי פון שם ס"ג, און פון בינה איז די המתקה, פון דארטן דארף ארויסגיין די בכיה! (- פון שמחה).

אז ס'גייט ארויס די בכיה מתוך שמחה, ער פריידט זיך אזוי אינעם אויבערשטן, טוט איהם ווי א געוואלד, "פארוואס האב איך דערצערענט דעם אויבערשטן?!" ער הייבט זיך אן דערמאנען זיך, פארוואס האב איך איהם פריער דערצערנט?!

אז ס'גייט ארויס פון שמחה א בכיה, דאס איז דער "שם" (- שם הוי"ה במילוי ס"ג)!

* * *

(ליקוטי מוהר"ן תו' קע"ו) זאגט דער רבי: "צָרִיךְ הָאָדָם לְמַהֵר מְאֹד לְגָרֵשׁ מִקִּרְבּוֹ הָרוּחַ שְׁטוּת", אז ס'גייט אריין אין א מענטשן א רוח שטות, דארף ער זעהן גיך ארויסטרייבן דעם רוח, נישט לאזן בלייבן, "מַה שֶּׁלִּבּוֹ מָלֵא מֵרוּחַ שְׁטוּת הַדָּבוּק בּוֹ, וְזֶה עַל־יְדֵי שֶׁנִּתְקַשֵּׁר לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת" וכו', מען דארף זיך איילן, איילן, נישט לאזן לאנג!

[1] משלי ח' י"ד, ועי' זוהר ויקרא דף י' ע"ב, וליקוטי מוהר"ן תו' מ"א.

דאס ווייסט מען - אז דער רבי זאגט 'איילן', איז א רגע פריער אויך בעסער! וואס פריער ארויסטרייבן, וואס פריער איז בעסער, איילן זיך ארויסטרייבן דעם רוח שטות! (חסר ההמשך).

* * *

# 'חירות המוחין'

(כאן חסר קצת) - - - אז מ'רעדט זיך אויס פאר'ן אויבערשטן, דארף מען אנהייבן רעדן און זיך מחיה זיין מיט די נקודות טובות, דעמאלטס וועט זיך אנדערש רעדן פאר'ן אויבערשטן, טאמער וועט ער זיך מאכן א גאנצן צעטל איז פארשטאפט, קען ער גארנישט רעדן!

דער רבי זאגט אזוי:[ז] וואס די וועלט איז ווייט פון השי"ת איז ווייל מ'איז ווייט פון "ישוב הדעת", "ולבוא לישוב הדעת" איז דורך שמחה! שמחה איז "חירות המוחין", וואס איז ישוב הדעת? צובינדן דעם מח צו א געדאנק! און שמחה איז חירות - קען ער צובינדן דעם מח! קען ער משעבד זיין דעם מח און זיך מיישב זיין! טאמער נישט, ער וויל זיך - - און דער מח לויפט אוועק פון איהם, שוין![ח]

צובינדן דעם מח צו א ישוב הדעת - זאגט דער רבי - איז נאר דורך שמחה!

*

אין אומאן איז געווען איינמאל איינער, ער האט מיר געזאגט, א גאנצן יאר האט ער געבענקט צו קומען צום רבי'ן (על ציון הקדוש), ער קומט צום רבי'ן און ער קען נישט רעדן קייןווארט, זאג איך איהם: "דו גייסט ארויף צום רבי'ן ווייל דו ווילסט אויספאקן דיינע נארישקייטן? (כל התרחקויותיו מעבודת השם), גיי ארויף, הייב אן רעדן דיינע נקודות טובות, וואס דו האסט געלייגט תפילין, האסט געהאלטן שבת, און דו וועסט זעהן נאכדעם אז דו וועסט שוין אנהויבן רעדן! גיי ארויף צום רבי'ן הייב אן דערציילן דיינע נקודות טובות וואס דו האסט ארויסגעכאפט, וועסטו זעהן אז דאס וועט דיך מאכן א שמחה און דו וועסט אנהויבן רעדן!".

---

[ז] ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' י'.

[ח] עי' שיחות הר"ן אות מ"ז.

ער האט טאקע געטוהן אזוי, יענער האט טאקע אנגעהויבן רעדן, ער האט טאקע גערעדט טאקע!

א מענטש - ער גייט ארויף צום רבי'ן האט ער א גאנצע פעקל פון א גאנצן יאר (מלא התרחקויות וכו') איז פארשטאפט דאס הארץ, די נארישקייטן וויל ער אלץ ארויספאקן, ס'גייט נישט, ס'גייט נישט, הייב אן רעדן דיינע נקודות טובות! איך האב געפאסט יום כיפור, איך לייג אלע טאג תפילין! הייב אן רעדן דאס טוב, נאכדעם וועסטו זעהן, וועסט זיך געבן א גים אויס - (דאס הארץ פאר השי"ת).

נאך א זאך, ער פלעגט תמיד דאס רעדן רבי שמואל הורוויץ עליו השלום, ער האט געזאגט, עס שטייט אין זוהר הקדוש, איך געדענק עס אויך אין זוהר, אז דער מענטש קען זיך נישט שלאגן מיטן רע! איך וויל אנטרייבן דאס רע פון זיך, איז דער רע שטארקער פון מיר! נאר וואס דען? איך דארף אנהויבן רעדן טוב, נאר אנהויבן טוב, פאלט דער רע אוועק, אנטלויפט ער, ער קען נישט ליידן קיין טוב, ער אנטלויפט!

אז מען רעדט זיך אויס פאר'ן אויבערשטן, (דארף מען) אנהויבן רעדן - זיך מחיה זיין מיט די נקודות טובות, אז ער הייבט אן רעדן ווערט דאך אביסעלע דאס הארץ אביסל פריילעך, נאכדעם געבט ער זיך א גים אויס, דאס איז דער דרך![ט]

*

## 'שמרה נפשי כי חסיד אני'

נאך א זאך, אזוי ווי בגשמיות, א מענטש וויל בעטן דעם אויבערשטן א זאך, דארף ער פריער לויבן דעם אויבערשטן, פריער זיין "מודה על העבר", אז נישט - איז דער אויבערשטער ברוגז: איך האב דיר גארנישט געטוהן קיין טובות?![י]

---

[ט] עי' ליקוטי הלכות הל' כלאי בהמה ד', והל' נחלות ד', וז"ל בהשתפכות הנפש אות פ': עַל כֵּן צְרִיכִין לִזָּהֵר מְאֹד בְּכָל פַּעַם בְּבוֹאוֹ לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ לֵילֵךְ בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה לְהוֹדוֹת עַל הֶעָבָר וְעַל-יְדֵי-זֶה יוּכַל לִצְעֹק לֶעָתִיד לָבוֹא.

[י] עי' שיש"ק ח"ב אות ב'.

אז דוד המלך האט א זאג געגעבן: "הטה ה' אזנך ענני כי עני ואביון אני",[יא] האט איהם דער אויבערשטער גענאגט: "דוד - דו ביסט אן ארימאן? דו ביסט דאך א מלך!" האט ער שוין געגעבן א דריי צוריק - "שמרה נפשי כי חסיד אני!".

וואס הייסט "חסיד אני"? איך בין דאך "תולעת ולא איש"?! נאר דער תירוץ איז אז מען דארף אנהויבן ביי "חסיד אני", נקודות טובות,[יב] נאכדעם קענסטו שרייען וואס דו ווילסט!

"דו ביסט עפעס אן ארימאן? דו ביסט א מלך!" דער אויבערשטער האט געוויזן איהם א וועג, אז אנהויבן זאל ער אנהויבן בעטן פון "כי חסיד אני", דאס הייסט "נקודות טובות", און נאכדעם וועסטו קענען רעדן פאר'ן אויבערשטן וואס דו ווילסט! אבער צוגיין גלייך?!...

*

דער מדרש ברענגט:[יג] צוויי 'אריסים', איינער איז א ארים, ער קומט אריין, ער גייט אנגעטוהן שיין, באלד קומט אריין דער בעל בית, זאגט איהם דער בעל בית: "וואס הערט זיך עפעס מיט מיינע בהמות?" - "ברוך השם זיי זענען זייער גוט! די פעלדעלע איז זייער גוט". "וואס ווילסטו מיין ארים?" - "איך וויל בארגן אביסל געלט". "יא, וויפיל דו ווילסט וועל איך דיר בארגן!".

דוד המלך איז געווען דער ארים, ער זאגט פאר'ן אויבערשטן: "השמים מספרים כבוד קל! זאגט דער אויבערשטער: "דוד, וואס ווילסטו?" - יום ליום יביע אומר" "דוד, וואס ווילסטו?" - "רבונו של עולם, שגיאות מי יבין! איך בין דורכגעפאלן מיט א שגיאה!" - "איך בין דיר מוחל!" זאגט ער, "גם מזדים חשוך עבדך! - מזיד!" איך בין דיר אויך מוחל!" פארוואס? - זאגט ער - ער איז געווען 'דער ארים'! פריער האט ער געלויבט דעם אויבערשטן, נאכדעם קען דער אויבערשטער הערן א שגיאה אויך! אבער דו גייסט שוין צו גלייך - "רבונו של עולם איך האב געזינדיגט!" - "איך וויל

---

[יא] זוה"ק פרשת בלק דף קצ"ה ע"א.

[יב] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא אות קכ"ה.

[יג] עי' מדרש רבא ויקרא ה' ח'.

דיר גארנישט הערן אינגאנצן!" מען דארף פריער אנהויבן רעדן די נקודות טובות, און נאכדעם - - (לבקש מחילה על עוונותיו)!

(חסר ההמשך, ואח"כ שומעין מעריב וספירת העומר וריקוד).

* * *

# 'אוירא דארץ ישראל מחכים'

(חסרה ההתחלה) - דעם רבי'נס דיבור! דער רבי האט געזאגט: "**איר מעגט קנייטשן מיין ספר ווי אזוי איר ווילט, נאר נישט טשעפען קיין סעיף קטן פונעם שלחן ערוך!**".

(השואל: ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט עפעס ועגן קליפת הציונים?) וואס מישסטו אריין די ציונים?! מיר רעדן א דיבור, וואס דארף מען רעדן פון זיי, מיר רעדן פון די גרויסקייט פונעם רבי'ן, מיר רעדן דאס דאזיגע - אז ארץ ישראל האט א גרויסן כח, כאטש ס'איז דא אזעלכע ציונים, אבער די קדושה איז קדושה! ברוך השם ס'איז דא קינדער, ברוך השם ס'איז דא ישיבות!

(השואל: ס'איז דא אזעלכע וואס זאגן אז די קדושה איז נישטא שוין! ר' נחמן בורשטיין: קביעא וקיימא, מעולם לא זזה שכינה!) פארוואס דארפסטו נאכזאגן וואס זיי זאגן?! דער רבי זאגט דאך נישט אזוי, וואס דארפסטו זאגן וואס זיי זאגן?!

די קדושה איז טאקע 'נעלם', אזוי זאגט דער רבי דא אין תורה נ"ה:[יד] "**עכשיו בגלות שהיא תחת יד הסטרא אחרא, ואין יכולת בקדושתה להתגלות, אעפ"כ יכולין לגלות ולהמשיך קדושתה אפילו בגלות המר הזה!**" מען קען אויפדעקן און ממשיך זיין די קדושה! נאר וואס דען - דער רבי הייבט אן צו רעדן דא וואס מען דארף טוהן!

מען קען יא אויפדעקן די קדושה! פארשטייט מען דאס אייגענע, אז די קדושה וואס איז געווען אין ארץ ישראל בזמן הבית - איז היינט נישטא, די קדושה איז פארדעקט, אבער זאגן אז מען קען נישט? דאס טאר מען נישט זאגן!

---

[יד] שם אות ב'.

ס'איז א ויכוח געווען, דער סאטמאר'ער רב מיט'ן חזון איש, אזוי האבן זיי זיך געגלייכט אלץ, פארשטייט זיך ס'איז א קליפה א גרויסע - די ציונים, אבער ס'איז געקומען צו רעדן קעגן "אוירא דארץ ישראל מחכים", האט זיך אנגערופן דער סאטמאר'ער רב אז זיי האבן מטמא געווען דעם אויר, ס'איז שוין נישט מחכים! האט געזאגט דער חזון איש: דאס נישט! "אוירא דארץ ישראל מחכים" דאס איז א תמידית'דיגע זאך, דאס וועט נישט ווערן בטל!

דער רבי זאגט טאקע אין די תורה אין דעם אנדערן חלק:[טו] פארוואס איז "אוירא דארץ ישראל מחכים"? ווייל "תמיד עיני ה' אלקיך בה", און "עינים - על שם החכמה נאמר", אז "תמיד" שטייט דארט, "תמיד עיני ה' אלקיך בה", און "עינים על שם החכמה נאמר", איז דאך נישט שייך צו זאגן אז ס'האט זיך אויפגעהערט!

נאר וואס דען? די זאך איז אזוי, דערווארט "מחכים" איז נאך נישט קיין געפארטיגדיגע זאך, (אז ס'איז) "מחכים" דארף מען נאך אויך האבן גרוים רחמים!

מען זעהט דאך ארוים, אפילו די פרייע חברה - זאגט די וועלט אז זיי זענען קלוג, זיי מאכן מלחמות מיט זאכן, נשק, זיי זענען מצליח! דער "מחכים" - יעדער איינער צו וואס ער נעמט זיך - איז ארץ ישראל מחכים! ער נעמט זיך צו אידישקייט, איז אוירא דארץ ישראל מחכים - העלפט איהם צו דער אויר פון ארץ ישראל! חלילה דארטן, זיי נעמען זיך דארטן צו זייערע זאכן - איז אויך מחכים!

די אוירא דארץ ישראל איז מחכים, נאר ס'איז נישט קיין פארטיגע - (מצויר'דיגע זאך), נישט נאר דא, נאר יעדע ספירה איז אזוי, די ספירה פון "חסד", גיבט מען מיר א השפעה פון חסד, איך קען אריינעמען די השפעה פון חסד אויף אהבת התורה, אהבת הצדיקים, און ס'קען חלילה זיין א אהבה פון אלע ביטערע תאוות, רחמנא ליצלן - אלע בעלי עבירות נעמט זיך דורך חסד!

"גבורה" איז א ספירה פון די הייליגע ספירות, יצחק - גבורה! און וואו א רוצח, וואו א גזלן נעמט ער פון גבורה! דער תירוץ איז - אז גבורה איז נישט דער פשט אז מען גיבט מיר אריין יראת השם, נאר ס'איז דא א השפעה פון גבורה, דו נעם אריין -

---

[טו] ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' מ'.

די גבורה נעם אריין צו וואס דו דארפסט, מורא רבך, און מורא שמים, און יראי השם יכבד, די ספירה פון גבורה נעם אריין אויף די כלים וואס דו ווילסט עס ארייננעמען!

דער רבי זאגט: פון אויבן גייט נישט אראפ קיין אור מצויר, איך דארף זיין דער צייר! איך דארף זיין דער צייר און מצייר זיין די אלע זאכן - די אלע ספירות הקדושות - מצייר זיין אויפ'ן גוטן אופן![טז]

"מחכים" איז ער יעדן איינעם מחכים, דער אויר פון ארץ ישראל איז יעדן איינעם מחכים, אבער צו חכמה מוז מען האבן - (דעם ציור לטובה)!

*

# 'ה' לא יעזבנו בידו'

אבער ברוך השם, בדרך כלל זעהט מען אז השי"ת האט פארט רחמנות אז זיי האבן נישט דעם כח רחמנא ליצלן אז זיי זאלן מבטל זיין וואס זיי ווילן, ס'איז א כח מלמעלה (- נגדם)!

זיי וואלטן דערווייל געוואלט עפעס אנדערש, אבער זיי קענען נישט, זיי קענען נישט! זיי קענען נישט!

ברוך השם ס'איז דא ישיבות און קינדער - קיין עין הרע, בחורים ובתולות, מען איז מקיים תורה ומצוות, און מען גייט אויפ'ן דרך התורה, ברוך השם - ס'איז דא, ס'איז דא אין דעם העכערע, קלענערע, אבער ברוך השם ס'איז דא! ס'וועט זיי גארנישט העלפן, זיי וועלן עס נישט אויסרייסן - "בכח של ארץ ישראל"! און דאס איז דאך היינט געבליבן אינגאנצן, מיר האבן דאך נאר דאס!

דער "אויר" מען זעהט ממש ס'איז הייליג און ס'איז צניעות, ס'איז אלעס! איך וועל נישט גיין דארטן אין די גאסן דארטן אין מחנה יהודה, וואס איז שייך דארטן צו גיין?! גיי איך נישט! אבער ברוך השם ס'איז דא - ס'בלייבט איבער א מקום מען זאל זיך קענען דערהאלטן זיך!

דער רבי זאגט טאקע - א ווארט פון רבי'ן קעגן דארטן (ההתנגדות שעליו): **"אז ער פארלייגט זיך אויף די גאנצע וועג און לאזט מיר נישט איבער קיין שום**

---

[טז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ל"ו אות ו'.

**שטעשקעלע, מוז איך איהם צונעמען! אז ער לאזט מיר עפעס איבער באטש א שמאלען - שטופ איך זיך דורך"!**[ז]

ברוך השם ס'איז דא א וועג! מען קען זיך דערהאלטן, ברוך השם, מען קען זיך דערהאלטן, ברוך השם! ווער שמועסט דא אין ירושלים?! מען וואוינט אין מאה שערים, דער ווינקל! אוודאי קען מען זיך - ברוך השם - מען קען זיך דערהאלטן, אין בני ברק אויך ברוך השם - א וועג, מ'קען זיך דערהאלטן, די חינוך, די קינדער, פיין, מען קען זיך דערהאלטן!

*

# 'ארץ שממה'

און יענץ (אצל הקומוניסטן) ס'איז דאך א קליפה רחמנא ליצלן, מען זעהט דאך ארויס, א "אומאן" - ס'איז געווען א שטאט, איך געדענק דאך וואס אומאן איז געווען, אה געוואלדיג ס'איז געווען יראים ושלמים, מיט תורה, גרויסע גבירים, גרויסע לומדים, און מקוואות, איי ס'האט זיך געטוהן דארטן אין אומאן, היינט איז גארנישט דא, גארנישט! נישט קיין ראש השנה, נישט קיין שוחט, נישט קיין רב, נישט קיין מקוה, נישט גארנישט, וואס איז דארטן דא?!

די שטאט "בארדיטשוב", וואס בארדיטשוב איז געווען, מען האט עס גערופן די "יעווערעסקע גאבירט" - די אידישע שטאט! דער קיסר האט א נאמען געגעבן בארדיטשוב - די "יעווערעסקע גאבירט" - די אידישע שטאט! ער האט זיך בארימט זיך אז ער איז א קיסר און ער האט "בארדיטשוב"! ס'איז געווען ביי איהם א שבח - ער האט בארדיטשוב! (השואל: ניקאליי?) נאך פריער, פאר ניקאליי!

וואס אין בארדיטשוב האט זיך אפגעטוהן! דאכט זיך "פיר הונדערט שוהלן", א געוואלד געווען! און נאך אזעלכע!

ווידער אין "קיעוו", וואס קיעוו איז געווען, אמאל האט מען געזאגט: "כי מ'קיעוו' תצא תורה"! אזעלכע ישיבות איז געווען אין קיעוו, און היינט איז דאך אלצדינג צובראכן, גארנישט, נישט קיין מקוה, נישט קיין שוחט, מען דארף אפפארן צוויי טויזענט קילאמעטער ביז מען כאפט א מקוה, און אז ס'ווערט ביי איינעם געבוירן א

---

[ז] עי' שיש"ק ח"ב אות ס"א, וראה ליקוטי מוהר"ן תו' ר"ח בפירוש הפסוק צופה וכו' ה' לא יעזבנו בידו.

קינד - טאמער האט ער נישט קיין מוהל - ביז ער באקומט א מוהל מל צו זיין! ס'איז א געוואלד, געוואלד!

דאס איז "קאמוניסטן" - און דאס איז "ציונים", און איך וועל זאגן ס'איז זייער זכות? (- של הציונים בעצמם), ס'איז נישט זייער זכות! אבער אזוי איז דאס! (כי ע"י כח קדושת ארץ ישראל יכולין לעמוד נגדם כנ"ל).

דער אויבערשטער זאל שומר ומציל זיין זיי זאלן חלילה אריינטרעטן מיט זייער א פוס דא, שומר ומציל זיין - רחמנא ליצלן די קליפה פון קאמוניסטן!

אזא קליפה, זיי האבן שוין מתיר געמאכט באקן דארט פסח מצות, טאר נישט אריינגיין קיינער קוקן! נאר זיי אליין באקן די מצות, אן קיין שום השגחה, קיינער טאר נישט אריינגיין קוקן, אט דאס איז די מצות און שוין!

איך ווייס דאך, איך בין דאך א דארטיגער, זיי האבן געבאקן מצות, אבער קיינער האט נישט געטארט זיי זאגן קיין דעה, זיי האבן געבאקן מצות, מען האט אריינגעגעבן מצות אין די קלייטן, אין די קלייטן איז געווען ברויט, דא איז געווען ברויט - דא איז געווען מצות פארקויפט, אזוי ווי מען פארקויפט ברויט האט מען פארקויפט מצות! און מען האט נישט געטארט זיי זאגן קיין דעה: "באק אזוי", "באק אזוי", איינער וואס האט זיך געוואלט אריינמישן צו די מצות דארט "באק אזוי", "באק אזוי", האט מען איהם ארויסגעווארפן; "גיי געזונטערהייט מען דארף דיר נישט האבן"!

*

(השואל: ר' פנחס קאריצער האט געזאגט דארטן, דאס איז א קליפה פון "פגם הברית"?) יא, די רוסן זענען אריין דארטן אין סלאוויטע, זיי זענען אריין ביינאכט, האט ער געזאגט: די קינדער אין די וויגן האבן געזעהן קרי די נאכט וואס דער רוס איז אריין![יח] אזוי האט ר' ר' פנחס קאריצער געזאגט, אזא קליפה איז דער רוס, איך האב דאך דארטן געוואוינט אלע מיינע יארן!

(השואל: די גאנצע וועלט איז נישט אזוי? פראנקרייך?) אין פראנקרייך איז דא ישיבות, און ס'איז דא מקואות, מען רעדט דאך פון - אז איך האב א בחירה וואו צו זיין, דארטן

[יח] עי' שיש"ק ח"ה אות תצ"ט.

**איז דאך גארנישט דא!** (השואל: זאגן זיי אז אין אמעריקע לאזט מען יא), **אין אמעריקע איז דאך אלצדינג דא, ס'איז דאך א פרייע לאנד!**

אזא מין קליפה ווי די רוסן זענען איז אין די גאנצע וועלט נישטא! שוין, דער אויבערשטער זאל אויף אונז רחמנות האבן, דאנקען השי"ת וואס מיר זענען דא אין ארץ ישראל! דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיט אריכות ימים ושנים עד ביאת משיח און ווייטער, און נישט אנקוקן די מקומות הטמאים פון רוסלאנד! **"ווען מען דארף קומען צום רבי'ן איז דאס עפעס אנדערש"**, נאר אזוי דארף מען נישט אנקוקן די מקומות הטמאים פון דארטן, דער אויר דארטן איז טמא ומטומא!

*

איך בין געווען אין טולטשין, האט געוויזן דער ר' פנחס דיין - ס'איז געווען אלטע "טורים" פון די ערשטע טורים, פון זעקס-זיבן הונדערט יאר, א חרם פונעם טור - א חרם אז מען טאר נישט וואוינען אין מאסקווע! אזא מקום טומאה איז דארט! האט ער געוויזן: איר זעהט א חרם פון יענע גדולים, נישט נאר דער טור אליין, נאך גדולים!

(השואל: איר האט דאס געזעהן?) "נאשקע"[יט] האט עס געזעהן, נאשקע'ן האט ער עס געוויזן, ער האט עס מיר דערציילט! א חרם פון די טורים, נאך גדולים, אז מען טאר נישט וואוינען אין מאסקווע, אזא קליפה'דיגער ארט איז דארט געוועזן! (השואל: ס'איז געווען דארטן אסאך קלויסטערס?) **יא, טומאות מיט קליפות!**

נו הכלל, וואס וועלן מיר מסיים זיין? ארץ ישראל איז גוט, און דעם רבי'נס זאך איז גוט! דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך האלטן אינעם רבי'ן, אין ארץ ישראל, און אין דער תורה הקדושה, און ביים רבי'ן, אין זיינע עצות, וועלן מיר מאכן גוט! (כאן חסר ההמשך קצת)

* * *

[יט] רבי נאשקע טולטשינ'ער ז"ל, ה"ה ר' נחמן ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת ז"ל, מחשובי אנ"ש.

# 'כי עוד חזון למועד ויפח לקץ'

(השואל: דער רבי האט געזאגט אויף "ר' זלמן דער קליינער" ווען ער איז צוריקגעקומען, ווען ער איז געפארן וועגן די הסכמות אויפן ליקוטי מוהר"ן: "ער האט געהאט א ריינעם יאר"?) **יא!**

(השואל: ער האט געזאגט ר' נתן'ען אז ער ווייסט א זאך?) **"איך ווייס א זאך וואס איר ווייסט נישט! איך ווייס דיבורים פונעם רבי'ן וואס איר ווייסט נישט, איך טאר אייך נישט זאגן!"** דער רבי האט געזאגט אז ער זאל נישט זאגן![כ]

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט: כאטש מיר ווייסן נישט וואס, אבער מיר פארשטייען וואס!

(השואל: אבער דאס איז געווען זיכער אז ער האט געמיינט וועגן דעם חוזה?) מיר ווייסן נישט! דער רבי האט איבערגעגעבן צום חוזה און צום קאזשניצער מגיד אזעלכע זאכן מיט ר' זלמן'ען, וואס ר' זלמן האט עס נישט געטארט אויסזאגן, ר' זלמן האט געזאגט: "מיר ווייסן א זאך" - ער האט עס געזאגט ר' נתן'ען - "איך ווייס אזעלכע זאכן פונעם רבי'ן וואס איר ווייסט נישט! איך קען עס נישט זאגן"!

האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט: "כאטש מיר ווייסן דאך נישט, אבער מיר פארשטייען! מיר פארשטייען וואס דער רבי האט איבערגעגעבן!".

(השואל: וואס האט ער געמיינט טאקע?) קעגן דעם - האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט - זיי האבן זיך זייער גע'עקשנ'ט וועגן די גאולה, וועגן משיח'ן, האט ער געשיקט צום חוזה ער זאל זיך נישט עקשן'ען! (השואל: דער חוזה מיט דעם קאלוב'ער?) מיט דער "איד הקדוש"! (השואל: נישט דער קאזשניצער מגיד?) ער איך אויך געווען אביסל פאמישט. הכלל - זיי זאלן זיך נישט עקשן'ען אין דער זאך!

(השואל: ביי דעם חוזה איז געווארן דער בלבול ביים טיש מיט די מאמע'ן?) דאס איז געווען ביים "איד הקדוש"! דער "קאלוב'ער" האט געזאגט די הגדה אויף אונגאריש, האט דער חוזה נישט געקענט מאכן! (לפעול כנ"ל). דער קאלוב'ער האט געזאגט די הגדה אויף אונגאריש, דער קאלוב'ער פלעגט דאך אלץ רעדן ביי די טישן אונגאריש, די אלע גרויסע מענטשן זיינע האבן גערעדט אויף אונגאריש, נאר אויף אונגאריש גערעדט!

---

[כ] עי' שיש"ק ח"ג אות רמ"ז.

ער (החוזה) האט געזאגט, אין פשיסחא האט די רביצין מבלבל געווען דעם סדר, די מוטער פלעגט זיצן לעבן איהם, האט די רביצין געזאגט: ניין - זי וויל נישט! נאר זי זאל זיצן לעבן איהם, נישט די מוטער! נאכדעם האט ער איר צוליב געטוהן, און דערנאך האט די ווייב געזאגט - אזוי ווי זי האט נישט געוואלט פריער - זאל זי אינגאנצן אוועקגיין פונעם טיש! די מוטער זאל אינגאנצן נישט זייןביים טיש! האט דער איד הקדוש געוויינט, האבן גענומען די חסידים מען האט איר געמאכט - פון אלע זיידענע מלבושים, אפגעבן די רביצין כבוד, דערווייל איז געווארן דער גאנצע סדר צודרייט...

האט זיך אנגערופן דער חוזה: "אין פשיסחא האט די רביצין מבלבל געווען דעם סדר, און דער קאלוב'ער האט געזאגט אויף אונגאריש, האט ער נישט געקענט אויספירן זיין זאך, איז ער געבליבן איינער אליין!" זיי האבן געדארפט דורכפירן דארטן די זאכן, אבער אז דער קאלוב'ער האט געמאכט דארטן די אלע כוונות אויף אונגאריש, ער (החוזה) האט נישט געקענט אונגאריש, האט דאך עס איהם מבלבל געווען, האט ער נישט געקענט טוהן זיין זאך! (בענין למהר הגאולה כנ"ל).

*

(רלוי"צ שואל:) ווען איז דער יארצייט פון בנציון'ען? (אפטער), (אחד הנוכחים: כ"א אלול, מיט ר' נתן בארסקי צוזאמען, אין איין טאג, א יאר גערוקט געווען!) איך לערן משניות, דערמאן איך איהם אלע טאג: "בנציון חיים בן ר' יחזקאל", (רלוי"צ שואל:) ווער זאגט קדיש? (אחד הנוכחים: ער האט עפעס א פלומעניק האט ער!).

*

## 'עניתי בצום נפשי'

(השואל: ר' "חייקל" איז געווען דער וואס דער רבי האט איהם געבעטן יוד?) ניין, ער האט געזאגט דעם רבי'ן: "רבי, איך וועל אויסזאגן",[כא] האט דער רבי איהם א זאג געגעבן:

---

[כא] העתק משיש"ק ח"ב אות קס"א: כַּיָּדוּעַ הִתְעַנָּה וְסִגֵּף רַבֵּנוּ אֶת עַצְמוֹ בִּצְעִירוּתוֹ מְאֹד מְאֹד, וְהָיָה אֵיזֶה פְּעָמִים שֶׁהִתְעַנָּה כִּשְׁמוֹנֶה עָשָׂר פְּעָמִים בְּשָׁנָה אַחַת מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, דְּהַיְינוּ שֶׁלֹּא טָעַם א אֲכִילָה וְלֹא שְׁתִיָּה מֶשֶׁךְ כָּל יְמֵי הַשָּׁבוּעַ מֵעֵת סְעוּדָה שְׁלִישִׁית שֶׁל שַׁבָּת עַד סְעוּדַת לֵיל שַׁבָּת שֶׁל שַׁבָּת הַשְּׁנִיָּה. וְהָיָה הַדָּבָר מֻסְתָּר מְאֹד מֵעֵינֵי בְּנֵי אָדָם אַף מֵהַקְּרוֹבִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר וְאַף מִזּוּגָתוֹ, לְבַד מִמְּשַׁמְּשׁוֹ, וְאוֹתוֹ עַצְמוֹ הִזְהִיר בְּאַזְהָרָה חֲמוּרָה לְבִלְתִּי לְגַלּוֹת וּלְפַרְסֵם הַדָּבָר. פַּעַם בְּעֶרֶב אֶחָד כְּשֶׁנִּכְנַס רַבִּי חַיְקְל לְרַבֵּנוּ, שֶׁשִּׁמְּשׁוֹ אָז, רָאָהוּ שׁוֹכֵב בְּחוּלְשָׁה עֲצוּמָה כָּזוֹ עַד שֶׁיָּצָא

"גיי שחט אן עוף, דו זאלסט צוגרייטן אביסל יוך אויף נאך מעריב"! איז ער אוועקגעגאנגען, גע'שחט'ן אן עוף, און ער האט זיך זייער געאיילט, אויפ'ן וועג האט ער אליין געפליקט די פעדערן, און ער האט עס געזעהן צוגרייטן אויף נאך מעריב, אז דער רבי איז אריינגעקומען נאך מעריב האט ער אריינגעטראגן א טעלער יוך אויפ'ן טיש.

האט דער רבי אוועקגעשטעלט איין פוס אויף דעם בענקל און איין פוס אויף דער ערד, און האט זיך אנגערופן: "נו חייקל, זאג דעם פרומען ניגון"! [דעם ניגון פון "מעין עולם הבא"], האט ער אנגעהויבן זינגען דעם פרומען ניגון, האט דער רבי א מאך געגעבן (תנועה בידיו) - "נאכאמאל", נאכאמאל, נאכאמאל, (השואל: דער רבי האט נישט געזאגט, נאר געמאכט מיט די פינגער?) נאר אזוי, נאכאמאל, נאכאמאל, נאכאמאל, און ער האט אלץ געזונגען, און דער רבי האט א זאג געגעבן: "איצטער גיי זעה וואו האלט די נאכט"... האט אנגעהויבן טאגן! ממילא האט מען צוגענומען די יוך פון דעם טיש...

האט דער רבי איהם געזאגט: פארוואס איז געווארן אזוי שווער? ווייל מען איז עמיצער געוואויר געווארן דערפון! מען איז געוואויר געווארן דערפון אז ער פאסט, דערפאר איז געוועזן איהם אזוי שווער!

(א' שואל איך נתגלה הדבר) דעם רבי'ן האט זיך געלאזט בלוט פונעם האלז און פונעם מויל!

(השואל: אין שבחי הר"ן שטייט אז איינמאל איז ארויסגעגאנגען בלוט פונעם רבי'ן, דאס איז די זעלבע מעשה מיט חייקל'ען אדער ס'קען זיין צוויי מעשיות?)[כב] דאס קען מען נישט וויסן.

---

דם מֵעֵינָיו וְאָזְנוֹ, כִּי הָיָה זֹאת בַּחֲצִי יְמֵי הַשָּׁבוּעַ הַשֵּׁנִי, אַחַר שֶׁהִתְעַנָּה כְּבָר רַבֵּנוּ כַּמָּה יָמִים רְצוּפִים, מֵרוֹב בֶּהָלָה עַל רְאוּתוֹ אֶת רַבֵּנוּ בְּחוּלְשָׁה כָּזוֹ שִׁדְּלוֹ וְהִפְצִיר בּוֹ מְאֹד בְּכַמָּה לְשׁוֹנוֹת וְהַפְצָרוֹת, שֶׁיֹּאבֶה לֶאֱכוֹל וְלִטְעוֹם אֵיזֶה דְּבַר אֲכִילָה. וּכְשֶׁרָאָה שֶׁאֵין רַבֵּנוּ מַסְכִּים לְבַקָּשָׁתוֹ כְּלָל וּכְלַל אִיֵּם עַל רַבֵּנוּ בְּאָמְרוֹ לוֹ "אִם א יֹאבֶה רַבֵּנוּ לֶאֱכוֹל יְגַלֶּה וִיפַרְסֵם אֶת עִנְיַן תַּעֲנִיּוֹתָיו בָּרַבִּים" "רַבִּי, אִיךְ וֶועל אוֹיס זָאגְן"... (המשך הסיפור כאן בפנים בלשון רלוי"צ, ועי' גם שיש"ק ח"ו אות כ"ו).

[כב] עי' שיחות הר"ן אות ק"ס.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **שלמה**
**רייכמאן** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
**לרגל הולדת בנו**
**למזל טוב**

מוה"ר **יהושע מנחם**
**פריעד** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל הולדת בנו**
**למזל טוב**

מוה"ר **אליעזר חיים**
**זינגער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת היכנס בנו**
**לעול התורה והמצוות**
**למזל טוב**

מוה"ר **יעקב נתן**
**ליכטער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת היכנס בנו**
**לעול התורה והמצוות**
**למזל טוב**

מוה"ר **ישראל חיים**
**הערשקאוויטש** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל אירוסי בנו**
**למזל טוב**

הבה"ח **ישראל** נ"י
בן מוה"ר **בערל** הי"ו
**פריעדמאן**
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת היכנסו לעול**
**התורה והמצוות למז"ט**

לעילוי נשמת מוהר"ר
**אברהם** ע"ה ב"ר **משה**
**דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דר"ה תשע"ט,
תנצב"ה